Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
BIALER WOCHENBLAT

№ 26 (דריטער יאָרגאַנג) פרייז 10 גראָשן

# ביאלער וואכנבלאט

נאַציאָנאַל געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט פאַר ביאַלע-פּאָדל. און אומגעגנט.

אַבאָנאַמענטס-פרייז:
מאָנאַטלעך . . . . . 35 גראָשן
פערטל-יערלעך . . . . . 1.00 זל.
אין אויסלאַנד:
פערטל-יערלעך . . . . . 1 דאָלאַר
אַנאָנסן-פרייז:
פאַר אַ פּעטיט-שורה אין טעקסט . 40 גראָשן
„ „ „ פאָרן טעקסט . 20 „
„ „ „ נאָכן טעקסט . 15 „
פאַרן אינהאַלט פון די אַנאָנסן און אָפענע בריוו איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך.
די צייטונג טראָגט נישט קיין געשעפטס-כאַראַקטער און איז נישט אויסגערעכנט אויף פאַרדינסט.
אַדרעס פאַר בריוו און געלט-זענדונגען:
Red. „BIALER WOCHENBLAT"
Biała-Podl., Grabanowska 39.
Konto rozrach. № 1.
Skrz. pocz. 26.

Biała-Podlaska, dnia 31 lipca 1936 r.

ביאַלע-פּאָדל., פרייטאָג, פּ' ואתחנן תרצ"ו, 31 יולי.

„ALBA" — „BEZ NAZWISKA"

## סוחרים-פאַריין איז וואַרשע אָפּט. אין ביאַלע-פּאָדל.

## קאָמוניקאַט.

דער סוחרים פאַריין מעלדעט: אין הסכם מיטן סטאַטוט פון צענטראַלן סוחרים-פאַריין ווערט פון 1-טן אויגוסט ה. י. געעפנט ביים סוחרים-פאַריין אין ביאַלע אַ

## יורידישע ביוראָ

וועלכע וועט דערליידיקן פאַר די מיטגלידער פון סוחרים-פאַריין אַלע שטייערן-אַדמיניסטראַטיווע און גערירכט אָנגעלעגנהייטן.

די ביוראָ וועט זיין טעטיק טעגלעך פון 10 פרי ביז 2 נ. מ. און פון 6 ביז 9 אָונט.

די פאַרוואַלטונג פון סוחרים-פאַריין האָט באַשטימט פאָלגנדע אָפּצאָלן פאַרן דערלידיקן דורך דער ביוראָ:

א ביטעס וועגן געוועלנלעכע לויפנדע אָנגעלעגנהייטן פון 50 גר. ביז 1 זל.

ב אַ רעקורס פון שטייערן פון 1 ביז 4 זל.

ג אַ רעקורס צו דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט וועגן אַ קאָנצעסיע אָדער וועגן אַנדערע וויכטיקערע זאַכן פון 50 גר. ביז 4 זל.

ד אַ רעקורס וועגן אַ שטראָף, אַ ביטע צום קאָמאָרניק אָדער אַנדערע ענלעכע זאַכן — 50 גר.

ה יורידישע עצות — פריי פון צאָל.

ו אינטערווענצן ביי דער מאַכט — פריי פון אָפּצאָל און אין פאַל ווען די אינטערוועניץ איז פאַרבינדן מיט אויסגאַבן — קען אומקערן די קאָסטן.

דער סוחרים-פאַריין נעמט אונטער אַן אינטערוועניץ ביי דער שטייערן-מאַכט וועגן די מיטגלידער זיינע, וואָס פילן זיך געטראָפן דורך דער לעצטער שטייערן-אויסמעסטונג און צו דעם צוועק רופט ער אַלע סוחרים דאָס זיי זאָלן זיך רעגיסטרירן אויף דער אַזוי-גערופענער „אינטערוועניץ-ליסטע".

די פאַרוואַלטונג פון סוחרים-פאַריין מעלדעט, דאָס זי טרעט צו צו שאַפן בראַנזשע-סעקציעס פאַר יעדער בראַנזשע באַזונדער, כדי זי זאָל קענען צושטעלן דעם שטייערן-אַמט עקספּערטן, וועלכע זאָלן זיין באַהאַוונט אין די בראַנזשע-אָנגעלעגנהייטן.

גלייכצייטיק ווערט געמאָלדן, דאָס זונטאָג דעם 2 אויגוסט, 7 אָונט קומט פאָר אין לאָקאַל פון פאַריין

## אַ גרויסע סוחרים-פאַרזאַמלונג

אויפן טאָג-אָרדנונג:

1 די קהלה-וואַלן און די סוחרים;
2 בראַנזשע - סעקציעס;
3 שטייערן-אינטערוועניץ פאַר די, וועלכע האָבן אַ הויכע שטייער-אויסמעסטונג.

אָנטיילנעמען אין דער פאַרזאַמלונג קענען אַלע סוחרים און קליינהענדלער, (נישט קיין מיטגלידער, וועלן זיך קענען בעת דער פאַרזאַמלונג רעגיסטרירן אַלס מיטגלידער).

די פאַרוואַלטונג בעט וועגן פּונקטלעך און צאָלרייך באַזוכן די אַזוי וויכטיקע פאַר די סוחרים-פאַרזאַמלונג.

קיין באַזונדערע איינלאַדונגען אָדער מעלדונגען ווערן נישט געשיקט.

די פאַרוואַלטונג בעט און מאַכט אויפמערקזאַם די מיטגלידער, דאָס זיי זאָלן נישט באַזוכן דעם פּרעזעס ה' נאָרטמאַן פּריוואַט וועגן זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות צום סוחרים-פאַריין. די אַלע ענינים ווערן דערליידיקט נאָר אין לאָקאַל פון פאַריין.

**פאַרוואַלטונג פון סוחרים-פאַריין אין ביאַלע.**

---

## צענטר. סוחרים-פאַריין אין וואַרשע, אָפּט. אין ביאַלע.

### שידס-גערירכט ביים פאַריין

## אורטייל

### אין ענין לאַשטשעווסקאַ — וויינבערג

דאָס שידס-גערירכט ביים סוחרים-פאַריין אין ביאַלע נאָכן אויסהערן די צדדים, שטעלט פעסט: אַז ה' לייביש וויינבערג פּיעראַצקי 15, האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַווייזן, דאָס זיינע מסירה - פאָרווורפן קעגן דער פרוי לאַשטשעווסקאַ זענען באַגרינדעט און דאָס גערירכט באַשליסט: דאָס ה' לייביש וויינבערג דאַרף די פרוי לאַשטשעווסקאַ עפנטלעך, אין דער פּרעסע, איבערבעטן.

דאָס גערירכט באַשליסט אויך צו באַלאַסטן דעם ה' וויינבערג מיט 5 זל. גערירכט-הוצאות און דעם אורטייל צו פאַרעפנטלעכן.

פאָרזיצער: (—) שלמה גראָדנער
אַכעסאָרן: (—) יוסף גיטעלמאַן
(—) אברהם אָרלאַנסקי

ביאַלע-פּאָדל. 29. 7. 1936.

---

## פון „טאָז"

זונטאָג דעם 2-טן אויגוסט ה. י., 11 פרי, וועט אויפן פּלאַץ פון „טאָז" פּילסודסקיעגאָ 30, פאָרקומען די פייערלעכע שליסונג פון דער זומער האַלב-קאָלאָניע פון „טאָז". די קינדער וועלן אַרויסטרעטן מיט אַ רייכן פּראָגראַם: געזאַנג, דעקלאַמאַציע, ספּאָרט-איבונגען א. אַ. וו.

איינטריט פאַר אַלע פריי.

---

## „ALBA"

דעמאָנסטרירט ביז מאָנטאָג דעם 3 טן ק. מ. דאָס בילד:

## „אַן אָנאָמען"

אַ דראַמע וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער נשמה פון אַ יתום.

פון מאָנטאָג:

## „דער טיגער פון פּאַציפיק"

אַ פילם, אַ דראַמע פון לעבן פון די מאַטראָזן אויפן גרויסן אָקעאַן.

דער פילם באַהאַנדלט דאָס לעבן פון די ים-טיגער, זייער קאַמף מיט די רעקינען — זייער קאַמף פאַר ליבע.

דער פילם האַלט דעם צושויער אין כסדר'דיקער שפּאַנונג.

---

## Kino Dźw. „TĘCZA"

דעמאָנסטרירט

## „בעקי שאַרפּ"

דעם ערשטן פילם אין נאַטירלעכע קאָלירן

איבערן פּראָגראַם: די ערשטע רייזע פון פּוילישן טראַנס-אַטלאַנטישן ריז „פּילסודסקי", ווי אויך אַ פאָטאָ-מאָנטאַזש פון די אַלע פּאָרט-שטעט ביי וועלכע די שיף „פּילסודסקי" איז אַ דורכגעפאָרן בעת איר רייזע קיין ניו-יאָרק.

פון מאָנטאָג דער לאַנג דערוואַרטעטער פּוילישער פילם א. נ.:

Śluby Ułańskie

---

## אַכטונג ציונים און סימפּאַטיקער!

אין די טעג פון:

**זונטאָג, מאָנטאָג און דינסטאָג דעם 2, 3 און 4 ק. מ.**

וועט דורכגעפירט ווערן די ווערביר - אַקציע פון דער היגער אָרגאַניזאַציע.

די אַלע וועלכע וועלן אין די טעג נישט באַזוכט ווערן און האָבן נאָך נישט קיין מיטגלידס-קאַרטן אויפן יאָר 1936, וועלן זיך קענען באַקומען נאָכן אונטערשרייבן אַנטשפּרעכנדע דעקלאַראַציעס.

דעקלאַראַציעס קען מען אונטערשרייבן ביי די ה"ה: י. א. ראָזענבוים (פּייען-באַנק), דוד קאַנטאָר (גראַבאַנאָווער 2), ישראל גאָלדשטיין (מאַרק 5) און אין קיאָסק פון ח' ריבאַק.

---

## אַכטונג יאַנאָוו!

נויטיק אַ קאָרעספּאָנדענט פאַרן „ביאַלער-וואָכנבלאַט"

ר ע ד אַ ק צ י ע.

